## II מיליאָן

„חיים-שמואל, פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס...״ האָט לאה מיט ביטערקייט אויסגעשפּיגן, און זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע הענט. „פֿאַר וואָס מוזסטו זײַן אַזוי אַנדערש? אַזוי ווײַט, אַזוי קאַלט?...״

חיים-שמואל שמיד איז שטיל געזעסן אויפֿן ברייטן, ווײַסן, ווייכן דיוואַן און געטראַכט. ער האָט זיך געפֿילט ווי אויף אַ וואַלקאַן. דער צימער איז געווען האַלב טונקל, באַלויכטן פֿון אַן איין-איינציקן לאָמפּ אין אַ ווינקל. אַרום האָט געשוועבט שטילע מוזיק פֿון די קלאַסיקער. „לאה זעט אויס אַזוי שיין, שטייענדיק אינעם האַלבן ליכט״, האָט חיים בײַ זיך געטראַכט, „פּונקט ווי די ליכטיקייט וואָלט פֿון איר אַליין אַרויסגעטראָמט און זי אַרומגענומען, און זי געגלעט...״

„וואָס? וואָס האָב איך געטאָן?״ האָט חיים געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך ערשט געהאַט אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ חלום.

„ניט וואָס דו האָסט געטאָן, נאָר וואָס דו האָסט ניט געטאָן! איך בין דאָך דײַן ווײַב, דײַן זיווג. איך וויל מיט דיר זײַן ווי איינס. אָבער אָפֿט, ווען דו האַלטסט מיך — ווי איצט — פֿיל איך ווי דו וואָלסט געווען ערגעץ אַנדערש, ערגעץ ווײַט...״ און שטילערהייט, מיט אַ טרויעריק קול, ווי אַ פֿאַרלוירענע, האָט זי צוגעגעבן: „דו האָסט מיך נאָך ליב, אָדער אפֿשר האָסט אַן אַנדערע...?״

חיים איז גלײַך אויפֿגעשפּרונגען, ווי מע וואָלט אים אַ ביס געטאָן. „וואָס רעדסטו? לאה, טײַערע, דו ביסט בײַ מיר די איינציקע. ס׳קען ניט זײַן קיין אַנדערע, דו ווייסט דאָך אַליין. אָבער...״ און דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און לאה געקוקט טיף אין די אויגן אַרײַן. „איך קען דיר ניט געבן מײַן גאַנצע, מײַן פֿולע ליבע, ווײַל...״

„אַהאַ!״ האָט לאה אים איבערגעריסן. „כ׳האָב געוווּסט! דו האָסט מיר ניט געזאָגט דעם גאַנצן אמת. דו באַהאַלטסט עפּעס פֿון מיר. כ׳האָב באַמערקט ווי דו האָסט אָנגעהויבן אַרויסגיין איינער אַליין אין די אָוונטן, און צוריקקומען שפּעט, פֿאַרמאַטערטערהייט. — ווו גייסטו, וואָס טוסטו? מיט וועמען פֿאַרברענגסטו?!״

„שטילער, שרײַ ניט, לאה, כ׳בעט דיך. באַרויִק זיך, וועל איך דיר אַלץ דערציילן. דו ווייסט דאָך ווער מיר זײַנען, וואָס מיר זײַנען, ווו מיר זײַנען. נאַ, קום צו נעענטער. זיץ דאָ. גוט. איצט פֿאַרקאַשער דו דעם לינקן אַרבל, און איך מײַנעם.״

„כ׳וויל ניט.״

„דו מוזסט! אַט, זעסט פֿאַר וואָס מיר עקזיסטירן?!״

אויף זײַן אָרעם איז געווען אויסגעברענט אַ נומער וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿיר ציפֿערן: 3, 8, 5, 6. זײַן פֿויסט, שטאַרק פֿאַרקוועטשט, האָט זיך געטרייסלט. זײַן שטים, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם כּעס, און דורך פֿאַרקריצטע ציינער, האָט ווי אַרויסגעשריגן פֿון טיפֿסטן תּהום, ווי פֿון ערגסטן גיהנום:

„געדענק! — געדענק פּאָנאַר און מײַדאַנעק. געדענק וואָס די נאַצי-דײַטשן האָבן אונדז געטאָן. געדענק די עמלקים. און געדענק אויך זיך אַליין: ווער מיר זײַנען און פֿון וואַנען מיר קומען: געדענק אויך אונדזערע פֿאָלק-אוצרות און אונדזער אָרעמקייט; די ליידן און פֿריידן: די הויכפּונקטן צו גלײַך מיט די געפֿאַלענע מאָמענטן פֿון ייִדישן פֿאָלק. — און אויף דעם סמך, בוי צוריק דאָס וואָס ס׳איז צעשטערט געוואָרן...״

„דו לעבסט אין אַ חלום-וועלט, חיים, און ס׳רעדט זיך פֿון דיר אַרויס ווי פֿון אַ מאַגנעטאָפֿאָן. קוק זיך אַרום, דו געפֿינסט זיך ניט דאָרטן, אין דער אַלטער היים. מיר לעבן איצט אין אַ נײַער צײַט, אין אַ נײַעם אָרט. ווער דאַרף עס די אַלע זכרונות פֿון אַ וועלט וואָס איז מער ניטאָ — וואָס וועט מער ניט זײַן. לאָמיר אָנהייבן פֿריש, פֿון ס׳נײַ, אָפּווישן...״

„ניין! ניט אָפּווישן! מע טאָר ניט. מיר האָבן אַ חובֿ, אַ גורל אויסצופֿירן. ניט נאָר געדענקען, נאָר צוריקבויען...״

„צוריקבויען — האַ. ווי אַזוי? דו ווייסט דאָך אַז כ׳קען אַפֿילו ניט... אַז מיר קענען ניט האָבן קיין קינדער. און בויען — פֿאַר וועמען? דו געהערסט אַפֿילו ניט צו זיי. ניט צו די קדושים און ניט צו די געראַטעוועטע. דו ביסט אַפֿילו ניט...״

„אַ ייִד בין איך. און ביזן סוף פֿון מײַנע יאָרן. אמת, מיר זײַנען דאָרט ניט געווען. אמת, מיר זײַנען ניט פֿון יענער שרעקלעכער צײַט, ניט פֿון יענעם אָרט. אָבער מיר טראָגן אין זיך זייער גײַסט. מיר זײַנען אַ טייל פֿון די מיליאָנען״.

„גײַסט? מיליאָנען? דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט. דו מיינסט, אַז ווײַל דו האָסט אין מוח צווייטהאַנטיקע אינפֿאָרמאַציעס פֿון יענער תּקופֿה — געזען פֿילמען, געלייענט, שטודירט די געשיכטע פֿונעם האַקנקרייץ-צוג, פֿון דער נאַצי-מלחמה אויף ייִדן — און ווײַל דו האָסט אויפֿן אָרעם אויסגעברענט ציפֿערן ווי פֿון די אמת געליטענע...״

„גענוג, לאה, דו פֿאַרשטייסט ניט...״

„רײַס מיר ניט איבער, חיים! דו גלייבסט, אַז די פֿיר ציפֿערן זײַנען פֿאַר דיר אַ שליסל צו די נשמות פֿון די זעקס מיליאָן קדושים? — אַפֿילו ניט צו איינער. דו האָסט זיך אַליין אײַנגערעדט, אַז דו האָסט מיט זיי אַ פֿאַרבינדונג. דו ביסט ניט מער ווי אַ תּם — אַ ראָבאָט...״

ס׳איז געוואָרן שטיל. לאהס הייסע ווערטער האָבן

זיך פּלוצעם איבערגעריסן, ווי באַגאַסענע מיט אײַז קאַלטן וואַסער. זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ בײַם מויל ווי זי וואָלט געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער. נאָר פֿאַר־פֿאַלן. מיט דערשראָקענע אויגן האָט זי אַ קוק געטאָן אויף חיימען און איז צון אים צוגעלאָפֿן, כליפּענדיק:

„זײַ מיר מוחל, ניט דאָס האָב איך געמיינט, חיים. כ'האָב עס ניט געוואָלט זאָגן".

„נו־נו, באַרויִק זיך, לאה טײַערע. ביסט גערעכט. כ'האָב געוואָלט זיך צו פֿיל אונטערנעמען מיט איין מאָל. אָבער געדענק. ווו מיר זאָלן ניט זײַן, ווען מיר זאָלן ניט זײַן, כּל־זמן ס'בלײַבט אַ פֿונק פֿון זכּרון, מוזן מיר גע־דענקען די קדושים און פֿאַראייביקן זייערע נשמות. ווי האָט עס געזאָגט דער פּאַרטיזאַנער־פּאָעט, שמערקע קאַטשערגינסקי אין זײַן ליד 'מיליאָן':

'צעשאָכטן מײַן פֿאָלק איז
דעריבער מוז יעדערער זײַן איצטער
ווי אַ מיליאָן'.

„חיים, ווי קענען מיר — ווי מעגן מיר אויספֿירן דעם אָנזאָג?"

„קום, לאה. כ'וועל דיר ווײַזן. דו האָסט געזאָגט, אַז איך בין ניט ראַוי, אַז איך בין ווי אַ קאַלטער ראָבאָט און דעריבער האָב איך ניט דעם אמת ייִדישן, מענטשלעכן גײַסט אויף אַדורכצופֿירן אַזאַ הייליקע שליחות, צו ווערן ווי איינס מיט די מיליאָנען — צו ווערן אַליין אַ מיליאָן. אויב דאָס איז ניט מײַנס צו דערפֿילן, וועט דאָס זײַן פֿאַר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער. . ."

„חיים, וואָס רעדסטו? דו ווייסט דאָך, אַז מיר קענען ניט האָבן קיין קינדער. . ."

„שאַ. קום מיט מיר. וועסט זען מיט וואָס כ'בין אַזוי פֿאַרנומען. כ'האָב אַליין געזוכט צו מאַכן אַ קינד, אַ יורש — אין לאַבאָראַטאָריע. ס'איז מיר ניט געראָטן. אפֿשר אין איינעם מיט דײַן הילף, וועט אונדז יע געראָטן".

חיים איז מיט לאהן צוגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג פֿון דער דירה. געעפֿנט און אַרויס, האָט זייביידן אַרומ־גענומען אַ טיפֿער רויטער נעפּל. אין דרויסן איז די היץ געווען עטלעכע הונדערט גראַד. די לופֿט אַליין איז גע־ווען פֿאַרסמט, און איז באַשטאַנען פֿון אַזאַ מאַטעריאַל ווי דער שרעקלעכער „ציקלאָן־בע"־גאַז וואָס האָט אומגע־בראַכט הונדערטער טויזנטער ייִדן אין די טויטלאַגערן. אַ ווינט האָט געבלאָזן אַן ערך 300 קילאָמעטער אַ שעה!

ניט־געקוקט אויפֿן ווינט, אויף דער היץ און אויף דער פֿאַרסמטער לופֿט, האָבן די צוויי ראָבאָטן — לאה און חיים — זיך ליבלעך אַרומגענומען און זיך צוגע־שאַרט צו דער לאַבאָראַטאָריע וואָס איז געשטאַנען ניט־ווײַט פֿונעם הויז. אַרום איז געווען וויסט ווי אין מידבר.

נאָר אויף אַ זײַט פֿון דער שטוב איז געווען אַ מין מצבֿה. די מצבֿה האָט זיך צונויפֿגעשטעלט פֿון די רעשט־לעך פֿון אַ קאָסמאָשיף, וואָס האָט לאַנג צוריק אַראָפּ־געקראַכט אויפֿן טויטן־פּלאַנעט. דער פּאַסאַזשיר האָט געהאַט נאָר איין אידענטיפֿיקאַציע מיט זיך: אויפֿן לינקן אָרעם זײַנען אים געווען אויסגעברענט פֿיר ציפֿערן: דרײַ, אַכט, פֿינף און זעקס (3856).

מיטן לעצטן אָטעם האָט ער, נאָכן אַראָפּלאַזן זיך, אַרײַנגעשריבן אין קאָמפּיוטער די אַ פֿיר ציפֿערן. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער סימן פֿאַר דעם אַפּאַראַט. דער קאָמפּיוטער־פּראָגראַם וואָס ער האָט שוין פֿריִער גע־שאַפֿן האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט זײַן גײַסט און נשמה, און עס אײַנגעקריצט אין די צוויי ראָבאָטן וואָס זײַנען מיט אים אָנגעקומען אויף דער נײַער וועלט.

(סוף קומט!)